# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בשלח, שבת שירה, י"ז שבט, שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 19 (484)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:53
מוצאי שב"ק....................6:24

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............שמואל-א כ"ח-כ"ט
בבלי........................פסחים ע'
ירושלמי.................יבמות ל"ט
תוספתא......................חולין ח'
רמב"ם...........מגילה וחנוכה ג'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וּפַרְעֹה הִקְרִיב, וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל ה', וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים יַם סוּף, אוּן פַּרְעֹה מִיט זַיין מִילִיטֶער הָאבְּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט פוּן הוּנְטֶער זֵיי, הָאבְּן דִי אִידְן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה כ"א, ה') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ב', י"ד) "הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ" וְגוֹ', אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי צָרָה אוֹיף דִי אִידְן בַּיים יַם סוּף אִיז גֶעוֶוען וַוייל וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי, וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דִי מִצְרִיִּים מִיט צֶען שְׁוֶוערֶע מַכּוֹת, עֶר הָאט גֶע'הַרְגְ'ט זֵייעֶרֶע בְּכוֹרִים, אוּן יֶעצְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, הָאבְּן זֵיי יֶעצְט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען דָאךְ שׁוֹין פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן אַלֶע צָרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ אָבֶּער לִיבּ צוּ הֶערְן דָאס קוֹל פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער פַארְגֶענִיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הֶערְן וִוי אִידְן רֶעדְן אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵּל צוּ אִים שְׁטֶענְדִיג, אוּן אוֹיבּ זֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי אִידְן רֶעדְן נִישְׁט צוּ אִים וֶוען עֶס גֵייט זֵיי גוּט, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זֵיי אַ פְּרִישֶׁע צָרָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה נָאר ווִידֶער עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ אִים.

**דִי גַאנְצֶע צָרָה וָואס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר מִיט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל הֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס קוֹל. וֶוער עֶס הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל, וַוארְט נִישְׁט בִּיז ס'קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, נָאר עֶר רֶעדְט כְּסֵדֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַאנְקְט עֶר אוּן עֶר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים אוּן רַחֲמִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים אַלֶעמָאל, אוּן מִיט דֶעם מַאכְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער נַחַת רוּחַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין שׁוּם צָרָה חַס וְשָׁלוֹם, וָואס זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

אִין מֶדְרָשׁ (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה, ב', ל"ה) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל, צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אֵיינְצִיג טָאכְטֶער, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶערְן אִיר קוֹל, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל אַז יֶעדֶער זָאל אַרוֹיסְגֵיין אִין פֶעלְד שְׁפַּאצִירְן, אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט זֵיי זָאלְן אָנְפַאלְן וִוי רוֹיבֶּער אוֹיף זַיין טָאכְטֶער, אוּן דַאן הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן "טַאטִי, טַאטִי, רַאטֶעוֶוע מִיךְ!", הָאט דֶער קֶענִיג אִיר גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גַאנְצְן שְׁפִּיל, וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן צוּ מִיר".

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַלֶעמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען ס'גֵייט אוּנְז גוּט אוּן סַיי וֶוען נִישְׁט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן פִילֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז שִׁיקְן נָאר גוּטֶע זַאכְן אַלֶעמָאל.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפָרָשַׁת בְּשַׁלַּח)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַייְנְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט

ס'אִיז דָא אַזַא אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן נוּצְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז "יֶענֶער הָאט אַייְנְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט". דָאס נוּצְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף אַ בַּאקַאנְטֶער פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק פָּאפּוּלֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט אַסַאךְ נָאכְפָּאלְגֶערְס. אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט זִיךְ אַן אוֹיסְדְרוּק אַז עֶר נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ פַאלְשֶׁער אוֹיסְדְרוּק. אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַייְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. עֶס

<<<<<<

## א גוט ווארט

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ וֶועט זַיין צְווִישְׁן אוּנְז אַחְדוּת; דֶער צַדִיק רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר שִׁבְחֵי הָאֲרִ"י זַ"ל): "בְּעֶרֶב שַׁבָּת פָּרְצָה מְרִיבָה בֵּין כַּמָּה נָשִׁים", עֶרֶב שַׁבָּת הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי וַוייבֶּער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אֲרִיזַ"ל, "וְאָמַר הָאֲרִיזַ"ל", אוּן דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, "בְּקַבָּלַת שַׁבָּת בָּא אֵלַי הַמֶּלֶךְ הָרָע, וְאָמַר לִי", אִינְמִיטְן קַבָּלַת שַׁבָּת אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט, "גַּם אַתֶּם גַּם מַלְכְּכֶם תִּסָּפוּ", אַז אִיךְ גֵיי נִפְטָר וֶוערְן, "וְכָל זֶה בִּגְלַל הַקְּטָטָה שֶׁהָיְתָה בֵּינֵיכֶם הַיּוֹם", אַלֶעס צוּלִיבּ דִי מַחֲלוֹקֶה וָואס אִיז הַיינְט גֶעשֶׁען צְווִישְׁן אַייךְ, "כִּי כָּל פַּעַם שֶׁהָיָה הַשָּׁלוֹם שׁוֹרֶה בֵּינֵיכֶם לֹא הָיְתָה לְמַלְאַךְ הַמָּוֶת דְּרִיסַת הָרֶגֶל", וַוייל וִוי לַאנְג עֶס אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ הָאט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף מִיר, "כֵּן הָיָה בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים בְּאוֹתוֹ זְמַן נִתְבַּקֵּשׁ בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעֲלָה מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ זַ"ל", וְכַּךְ הֲוָה, אַז דֶער אֲרִיזַ"ל אִיז יֶענֶע יָאר אַוֶועק.

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז צוּ זַיין בְּאַחְדוּת. אַז מִיר וֶועלְן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תשפ"א)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## מְ׳זָאגְט אַזוֹיפִיל תְּהִלִּים, וואוּ אִיז דִי יְשׁוּעָה?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

אִיר פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסאךְ תְּהִילִים, אָבֶער יֶעצְט אִיז אַייךְ שְׁוֶוער צוּ זָאגְן תְּהִילִים וַוייל אִיר זֶעט וֶוען אִיר בֶּעט אַזוֹיפִיל פַאר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, אִיר זֶענְט אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵל אוּן אִיר זָאגְט תְּהִילִים - אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער חוֹלֶה נִישְׁט גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן; אִיר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר, וואוּ גֵייעֶן דִי אַלֶע תְּפִילוֹת? אִיר דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס מוּז זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן נב): ״כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ״, אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי קוּמְט עֶס זָאל זַיין אוּן עֶס אִיז שֵׁיין עֶס זָאל זַיין - קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: ״אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ, אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ״. **וַוייל אוֹיב וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס פַארְשְׁטַאנְד.** אָבֶער - הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט - וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִּים, אִיר זָאלְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת; זוּכְט נִישְׁט, ווילְט נִישְׁט אוּן עֶרְוַוארְטְס נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּן טוּט. עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז נָאר צוּם גוּטְן, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעפְּרוּאוְוט מִיט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז בַּיים דַאוֶונֶען רוּפְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אֱלֹקֵי אַבְרָהָם, אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב״, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה - אַזוֹי וִוי דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן לִיזֶענְסְק הָאט גֶעמַאכְט אַ תְּפִילָה וָואס מֶען זָאל בֶּעטְן פַאר מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶוענֶען, אִין דִי תְּפִילָה בֶּעט מֶען: ״׳וְתַשְׁפִּיעַ רוּחַ קָדְשְׁךָ עָלֵינוּ, שֶׁנִּהְיֶה דְּבֵקִים בְּךָ׳, הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֵיינְס מִיט דִיר, ׳וְשֶׁנִּשְׁתּוֹקֵק תָּמִיד אֵלֶיךָ יוֹתֵר וְיוֹתֵר׳, אוּן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג מֶער אוּן מֶער גְלוּסְטְן צוּ דִיר, ׳וּמִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה תַּעֲלֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לָבוֹא לְמַעֲלַת אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים, אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב׳, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וִוי זֵיי, ׳וְתִקָּבַע אֱמוּנָתְךָ בְּלִבֵּנוּ תָּמִיד בְּלִי הֶפְסֵק׳, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ פֶעסְטֶע אֱמוּנָה, ׳וּתְהֵא אֱמוּנָתְךָ קְשׁוּרָה בְּלִבֵּנוּ כְּיָתֵד שֶׁלֹּא תִמּוֹט׳, דִי אֱמוּנָה זָאל זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אִין מִיר אַזוֹי וִוי אַ נָאגְל וָואס אִיז גוּט אַרַיינְגֶעהַאקְט אִין דֶער עֶרְד, אַזוֹי שְׁטַארְק זָאל זַיין מַיין אֱמוּנָה אִין דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר״.

לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ וֶועט אִיר שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ״א)

---

>>>>>>

אַרְבֶּעט פַּארְקֶערְט, דִי וֶועלְט נֶעמְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שַׁאנְס אַיינְצוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז עֶר גֵייט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, וָואס בְּלַייבְּט אָבֶער אִיבֶּער צוּם סוֹף פוּן אַ מֶענְטְשׁ? דִי וֶועלְט נֶעמְט אִים אַרַיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט נָאר אַ בֶּערְגְל עֶרְד.

דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי״ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל. מֶען זֶעט וִוי אַ שׁוֹחֵט פִירְט אַן אָקְס צוּ דִי שְׁחִיטָה, דֶער אָקְס קֶען זִיךְ צֶעוִוילְדֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן וֶועג אוּן אָנְהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אִים גוּט אָנְכַאפְּן, צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַן אַייזֶערְנֶעם קֵייט אָדֶער אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק. אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּ דִי שְׁחִיטָה קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל זֶען וִוי דֶער אָקְס נֶעמְט זִיךְ לוֹיפְן פָארְאוֹיס אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט דֶעם שׁוֹחֵט, אוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער גֵייט עֶס פַּארְקֶערְט, אַז דֶער אָקְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים גֵיין וַוייטֶער, אוּן דַאן דַארְף דֶער שׁוֹחֵט אִים שְׁלֶעפְּן מִיט כֹּחַ. אַזוֹי גֵייט עֶס אַהִין אוּן צוּרִיק, אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער שׁוֹחֵט דֶעם אָקְס, אוּן אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער אָקְס דֶעם שׁוֹחֵט. דֶער וָואס קוּקְט דָאס צוּ פוּן דֶער זַייט, וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס שְׁלֶעפְּט בֶּאֱמֶת וֶועמֶען. שְׁפֶּעטֶער אָבֶער, וֶוען דֶער שׁוֹחֵט שֶׁחְט דֶעם אָקְס, דַאן וֶוערְט מֶען גֶעוָואוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז דֶער שׁוֹחֵט אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אָקְס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט - הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק אוֹיסְגֶעפִירְט. ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועם. אַמָאל קֶען אוֹיסְזֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלֶעפְּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער דֶער סוֹף פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ׳ס יָארְן, וֶוען עֶס קוּמְט זַיין צַייט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶעווָאוֹיר וֶועט עֶס גֶעוועלְטִיגְט אוֹיף וֶועמֶען. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט... וַוייל דִי וֶועלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער קֵיינֶער קֶען יָא אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט...

דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶערוּפְן ״עוֹלָם״. דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן ״הַעֲלָמָה״, וָואס דָאס מֵיינְט ״בַּאהַאלְטְן״. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט דִי וֶועלְט אוֹיף צוּ שְׁפִּילְן ״בַּאהַאלְטְן״ מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט זֶעט מֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מִיט אַזוֹיפִיל פוּן זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוֹיפְטוּעֶן, אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶענְטְשְׁן פִירְן טַאקֶע דִי וֶועלְט. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר קֶען אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, עֶר וֶוערְט גֶעווָאוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶערְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ קוּנְץ, אוּן אֵיינֶער וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם ״עוֹלָם״. פַאר אִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן בַּאהַאלְטְן. עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אוּנְטֶער אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפִינְט זִיךְ אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס פוּן הִינְטֶער דִי קוּלִיסְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען דֶערְצוּ? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן דוּרְכְ׳ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווָאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים

<<<<<<

>>>>>>
שְׁמוּעֶסְט עֶר אוּיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר בֶּעט זַיין הִילְף וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוֹיפְצוּאַוִויקְלֶען פַאר'ן מֶענְטְשׁ דֶעם אֱמֶת'ן פָּנִים פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס שֵׁיילְט זִיךְ אָפּ דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע שִׁיכְט וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ'ס אוֹיגְן, אוּן דַאן זֶעט עֶר מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וָואס עֶס לִיגְט פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים י, כ) "וּבוֹ תִדְבָּק" - עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

לָאמִיר נֶעמֶען צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר אוּן עֶס צוּזַאמְקְלֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבּ, וָואס וֶועט דַאן פַּאסִירְן? דִי צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר וֶועט מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע. אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶועט זֵיי צֶערַייסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט, וֶועט זִיךְ אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אֵיין שְׁטִיקְל מִיט דִי אַנְדֶערֶע. אוּן דָאס מֵיינְט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן דַאן וֶועט מֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צֶעטֵיילְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ יָא אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים... דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶועט אִים אַרַיינְקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט אַזוֹי דֶער מַצָּב, עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר טַאקֶע אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קלט, ז) "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ" - דָוִד הַמֶּלֶךְ וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח" - וואוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ" - אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְפְלִיעֶן אִין הִימְל, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנִידֶערְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ אָפְּגֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן. דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים. עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן קוּקְט אוֹיס, אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן וואוּ אַהִין עֶר צִילְט אִין זַיין לֶעבְּן, וואוּ עֶר וִויל אַלְס אָנְקוּמֶען. אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען וִוי זַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ דְרַאסְטִישׁ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן. עֶר וֶועט הָאבְּן אַ לִיכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ עוֹלָם וְחֵלֶק י"ד עֶרֶךְ דְבֵיקוּת)



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן כְּסֵדֶר'דִיגֶע שְׁרֶעק?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן לֵיין, צוּמָאל קוּמְט אוֹיךְ אָן צוּ מִיר דִי בְּלֶעטֶער פוּן חִיזוּק, וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ לֶעבּ אַלֶעמָאל אוּנְטֶער אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּרֶעשׁוּר אוּן לַחַץ, אִיךְ פִּיל וִוי עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ קוּמְט. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' נִישְׁט מַמָּשׁ פַארְנוּמֶען דֶערְמִיט אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶּער עֶס לִיגְט אוּנְטֶער מַיין בַּאוואוּסְטְזַיין פַאר מַמָּשׁ 24 שָׁעָה אַ טָאג, אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁפִּיר אַז אַ חֵלֶק פוּן מַיין מֹחַ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעדַאנְק אַז עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ קוּמְט, עֶס וֶוערְט עֶק וֶועלְט, אֶפְשָׁר יֶעצְט גֵייט גֶעשֶׁען עֶפֶּעס גֶעפֶערְלִיךְ, אֶפְשָׁר פַּאסִירְט עֶס שׁוֹין, אִיךְ בִּין אֵייבִּיג אַזוֹי וִוי אוֹיף הוֹיךְ אַלֶערְט, עֶס נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין מְנוּחָה.

וִוי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר דֶערְפוּן? אִיךְ קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ וֶועק אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי מִיט שְׁרֶעק, עֶס גֶעשֶׁעט שׁוֹין, עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, וָואס אִיךְ וֵוייס אַלֵיינְס נִישְׁט וָואס.

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

**דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן פְּחָדִים אוּן לְחָצִים אִיז זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זָאל מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי וְשֶׁל בָּנַי וְהַתְּלוּיִים בִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "גַּם אֲנִי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ. וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר - הוּא מְרֻצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, 'אַזוֹי דַארְף אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאכְדֶעם צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אוּן אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן פַארְקֶערְט, וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס זִיכֶער גוּט'.

**אַלֶע שְׁרֶעק, דְרוּק אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ' גֵייעֶן אַוֶועק וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.** פַארְוָואס זָאלְט אִיר לֶעבְּן אִין שְׁרֶעק? פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן? פַארְוָואס זִיךְ פַּיינִיגְן אוּמְזִיסְט? נֶעמְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה וֶועט אִיר לֶעבְּן אַ זִיסֶע רוּאִיגֶע לֶעבְּן, מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִיז דֶער לֶעבְּן אַסַאךְ גְרִינְגֶער; פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס, הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תְּפִלָּה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְדֶערְפְרִי אַז דֶער טָאג זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה, אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיר זָאגְט "מוֹדֶה אֲנִי", לֵייגְט צוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה אוֹיף אֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער מַיין גַאנְצֶע טָאג אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁרֶעק, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן צוּ מִיר; אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע טָאג, מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְן מִיךְ נִישְׁט פַּיינִיגְן".

**אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין אַלֶע פְּחָדִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (צג)

**שפא**

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט צוּ זַיין חַזָן, ר' חֵייקְל, "אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּמֶען מִיט מִיר וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ חִידוּשׁ אִין מַיין זַאךְ, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אַ חִידוּשׁ אִין דַיין זַאךְ [אִין חַזָנוּת]!", עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט.

שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

**שפב**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע, וֶוען דִי וֶועגֶענֶער זֶענֶען שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען פוּן בְּרֶסְלֶב אִים צוּ טְרָאגְן אַהִין, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט, "אִין דִי שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע הָאבּ אִיךְ גֶעלִיטְן צְוֵויי מָאל גֵיהִנוֹם, וַוייל דִי שְׁטְרָאף פוּן רְשָׁעִים אִין גֵיהִנוֹם אִיז דָאךְ נָאר צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, אוּן דָא הָאבּ אִיךְ גֶעלִיטְן יִסוּרִים פַאר צְוֵויי יָאר".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "בִּיז יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען "בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ" (וַיִקְרָא י"ג, מ"ו), אָבֶּער יֶעצְט גֵיי אִיךְ אַרַיין אִינֶעוֵוייניג, פוּן יֶעצְט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן גוּטְס טוּן מִיט מִיר".

**שפג**

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח אָב, אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, וַוייל וֶוען מְ'פָארְט פוּן זְלַאטִיפָּאלֶע קַיין בְּרֶסְלֶב מוּז מֶען דוּרְכְפָארְן דִי שְׁטָאט אוּמַאן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"


## בית המדרש היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר ווילן לאדענען אלע אנשי שלומינו צו די סעודת הילולא צו די

**יומא דהילולא קדישא פון**

**כבוד קדושת מרן מוהרא"ש זצוק"ל**

וואס וועט פארקומען דעם

**מוצאי שבת קודש פרשת בשלח, י"ז שבט הבעל"ט**

**בבית מדרשינו 27 Skillman St.**

**די ווייבער שול וועט זיין אפן**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זיך שטארקן אינאיינעם צו גיין ווייטער אין די הייליגע וועגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו**

## עצתו אמונה ביי אייער טיר



**באקומט די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף פאסט**

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**


## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# יומא דהילולא קדישא פון מוהרא"ש זי"ע

דעם שבת קודש פרשת בשלח, י"ז שבט, פאלט אויס די זעקסטע יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע. עס דערקענט זיך גאר שטארק די התעוררות און התרגשות ביי אנשי שלומינו בפרט, און ביי אידן איבער די וועלט בכלל, צו דעם געהויבענעם טאג.

די צענטראלע סעודת הילולא וועט פארקומען דעם מוצאי שבת קודש פרשת בשלח, בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג אויף 27 סקילמאן סט. דער ראש ישיבה שליט"א וועט רעדן איבער וואס עס איז אונזער פליכט זיך צו שטארקן אין דעם גרויסן טאג.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז ביי די יומא דהילולא פון א צדיק, דעמאלט קומט ארויס און מען זעט וואס דער צדיק האט איבערגעלאזט פאר די וועלט, די לימודים און עצות וואס ער האט אויסגעלערנט וואס זענען ווייטער חי וקים און זענען ווייטער מחזק און מעורר אידישע קינדער און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן.

מיר ווייסן דאך זייער גוט וואס מוהרא"ש האט געטון פאר אונז אלע זיינע יארן, ווי אזוי ער האט אונז געשטארקט אין יעדן מצב און אונז מחזק געווען צו דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין. און דעריבער איז דער טאג אזוי גרויס, ווען מען נעמט זיך צוזאם און מען חזר'ט איבער זיינע ווערטער, און מען איז ווייטער ממשיך צו גיין אין זיינע וועגן.

אנשי שלומינו וועלן אויך אויסנוצן דעם געהויבענעם טאג זיך אנצושטרענגען אויסצופירן דאס וואס מוהרא"ש האט געטון זיין גאנץ לעבן, צו העלפן דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און עס פארשפרייטן איבער די וועלט, און אזוי אריינברענגען די הייליגע לימודים פון רבי'ן איבער די גאנצע וועלט. מ'וועט זיך משתתף זיין מיט שיינע סכומים ארויסצוהעלפן דעם בית הדפוס וואו מ'דרוקט די ספרים און קונטרסים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער ממשיך זיין זיך צו האלטן בדיבוק חברים און פאלגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

**הוא ימליץ טוב בעדינו!**

***

# דריי פרישע חתנים אין ישיבה

די בחורים אין ישיבה פרייען זיך מיט די שמחה פון עטליכע פרישע חתנים אין ישיבה די וואך.

הבה"ח יודל פעלדמאן הי"ו בן מו"ה שמואל יעקב הי"ו פון מאנסי, איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה אהרן מאיער הי"ו פון לעיקוואד.

הבה"ח אהרן לונגער הי"ו בן מו"ה מרדכי הי"ו פון קרית ברסלב ליבערטי, איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה ישראל מרדכי פרושינובסקי הי"ו פון מאנסי.

הבה"ח נחמן שטרוהל הי"ו בן מו"ה אפרים אליעזר הי"ו פון דזשערסי סיטי, איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה יחיאל ווילבושעוויץ הי"ו פון מאנטשעסטער.

די שטימונג אין ישיבה איז גאר פרייליך, יעדער פריידט זיך מיט די פילע שמחות וואס פליסן כסדר, דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל גיין ווייטער און ווייטער, אלע בחורים זאלן זוכה זיין צו טרעפן זייער שידוך בקרוב, און אויפשטעלן שיינע אידישע שטיבער, בתים נאמנים לה' ולתורתו לשם ולתפארת.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די אלע חתנים זאלן מצליח זיין אין לעבן, ס'זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, און ס'זאל ארויסקומען דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **ארי לונגער** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב

***

החתן **נחמן שטראל** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב

***

החתן **יודל פעלדמאן** הי"ו

צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב


## שלעכטע מחשבות

**די טיר איז געבליבן אפן? די שלאק פארדעקט די סוכה? א גנב איז אין הויז? ווי אזוי ווערט מען פטור פון די שלעכטע געדאנקען?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 74**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**